בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

## פַּרְשַׁת יִתְרוֹ

**288**

**תשפ"ג**

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


אל אִיךְ צוּרִיק אָנְטוּן מַיין הוּט אוּן רֶעקְל לְכָבוֹד מַיין מַאמֶע?.......................... א

וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען הַאלְט אִין אֵיין טְשֶׁעפֶּען אוּנְזֶער קִינְד?.......................... ב

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן יֶעדְן טָאג אַ גֶעפִיל צוּם דַאוְוענֶען?.......................... ד

וִוי אַזוֹי דֶערְהַאלְט אִיךְ זִיךְ וֶוען עֶס אִיז אַ גֵיהִנוֹם אִינְדֶערְהֵיים?.......................... ו

מֶעג מֶען מַאכְן אַ בְּרָכָה וֶוען מֶען דַארְף גֵיין אִין מִקְוֶה?.......................... ז

וָואס אִיז דֶער מִנְהָג אִין בְּרֶסְלֶב וֶועגְן נִיטְל?.......................... ח


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


מִיט אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים וֶועט אִיר זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן .......... א

דִי יוּנְגֶע יָארְן זֶענֶען דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן פוּן לֶעבְּן .......................... א

אַ קוּנְטְרֵס פוּן דִי תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס אִיז מְסוּגָל לְהוֹלָדָה .......................... ב

דֶער וָואס הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן אוּן דִי מַחֲשָׁבָה, וֶוערְט אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ.......................... ב

אַז מֶען הָאט חוֹבוֹת אִיז מֶען מְקַיֵּים מִצְוַת צְדָקָה מִיט פְּרוּטוֹת .......................... ג

דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה זָאלְן בְּלַייבְּן אוֹיף אַ פָּשׁוּטְ'עֶר סְטַאנְדַארְט.......................... ד

הִיט דַיינֶע אוֹיגְן, יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז גְרִינְגֶער .......................... ה

לֶערְן סַיי אִין שׁוּל אוּן סַיי אִין שְׁטוּבּ.......................... ו

בַּיי רוּחָנִיּוֹת דַארְף מֶען אַלְץ שְׁטְרֶעבְּן אוֹיף נָאךְ אוּן נָאךְ .......................... ו

אִיר זָאלְט וַוייטֶער מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר אַייעֶר מַאמֶע'ס נְשָׁמָה.......................... ז

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן פַאר אַ שִׁידוּךְ.......................... ח

אִיךְ וַוארְט זָאלְסְט שׁוֹין צוּרִיקְקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה.......................... יב

שָׁלוֹם אִיז נִישְׁט וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן אֵיינִיג .......................... יג

דִי קִינְדֶער זָאלְן זֶען וֶוער עֶס אִיז חָשׁוּב............................................. טו

אַז אֵייגֶער ווִינְקְט מִיט דִי אוֹיגְן, מַאכְט מֶען זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג.............. טז

אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ מַאכְן דִי פְּרוֹיעְן צוּזַאמְקוּם......................................... טז

אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועלְן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אַוֶועק גֵיין .................. יז

גֶעבּ אַכְטוּנְג זִיךְ צוּ פִירְן בִּצְנִיעוּת מִיט דַיינֶע טֶעכְטֶער ........................יח

מַיין נָאמֶען זָאל נִישְׁט שְׁטֵיין אוֹיף אַ שׁוּל וואוּ עֶס אִיז דָא לֵיצָנוּת.................יח

מִיט תְּפִלָּה אוּן סַבְלָנוּת קוּמְט מֶען אָן צוּ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת............................ יט

נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן יֶעדְן פְּרָאבְּלֶעם בַּיי אַ קִינְד ................................. יט

פַאְרְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי דִיר?............................................. כא

עֶס מוּז זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיים שִׁיעוּר ..................................................... כא

אִיךְ קוּם מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן ..........................................כב

וֶוער זָאל גֵיין שְׁלָאפְן בַּיי דִי בַּאבֶּע?............................................... כג

הֶעלְף דַיינֶע עֶלְטֶערְן גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה אָן קַיין חוֹבוֹת ........................ כג

אַז דוּ הָאסְט הֲנָאָה פוּן דִי מְלַמְדוֹת, וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין..........................כד

פְּלוּצְלוּנְג שְׁפַּאלְט זִיךְ דֶער יַם אוּן אַלֶעס וֶוערְט מְסוּדָּר..........................כה


# דער קונטרס איז לזכות הענא בת ראכל לרפו"ש בתשח"י

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**זָאל אִיךְ צוּרִיק אָנְטוּן מַיין הוּט אוּן רֶעקְל לְכָבוֹד מַיין מַאמֶע?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען שַׁבָּת מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל אוּן אִינְדֶערְוָואכְן בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט קָאלִירְטֶע קְלֵיידֶער. מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל צוּרִיק אָנְטוּן אַ הוּט אוּן רֶעקְל, אוּן אִיךְ הָאב טַאקֶע צוּרִיק אָנְגֶעטוּן מַיין הוּט אוּן רֶעקְל אוֹיךְ אִינְדֶערְוָואכְן לְכָבוֹד מַיין מַאמֶע.

מַיינֶע עֶלְטֶערֶע בְּרִידֶער זֶענֶען אָבֶּער לֵיידֶער פְּרֵיי, נִישְׁט קַיין שׁוֹמְרֵי תּוֹרָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז אוֹיף שַׁבָּת אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט חוֹזֵק צוּ מַאכְן פוּן מִיר דִי גַאנְצֶע צַייט, אוּן עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט בַּא'טַעמְ'ט.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן? זָאל אִיךְ צוּרִיק אוֹיסְטוּן דִי הוּט אוּן רֶעקְל, וַוייל עֶס אִיז מִיר בֶּאֱמֶת זֵייעֶר נִישְׁט אַנְגֶענֶעם וֶוען מַיינֶע בְּרִידֶער לַאכְן אָפּ פוּן מִיר, אָדֶער זָאל אִיךְ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זֵייעֶר זַייט אוּן מְכַבֵּד זַיין דִי רָצוֹן פוּן מַיין מַאמֶע?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בֹּא, י"ז שׁוֹבָבִי"ם, ב' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ אַ נַחַת רוּחַ פַאר דַיין מַאמֶע, טוּ זִיךְ צוּרִיק אָן דִי חֲסִידִי'שֶׁע קְלֵיידֶער. קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְחַיֶּה' זַיין טַאטֶע

מַאמֶע, דִי שְׂכַר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן שְׁפֶּעטֶער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט - וֶוען מֶען אִיז מְחַיֶ' אוּן מְשַׂמֵּחַ טַאטֶע מַאמֶע; וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען זֵיי וִוילְן גוּטֶע זַאכְן, זֵיי וִוילְן זָאלְסְט גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט קְלֵיידֶער וָואס עֶרְלִיכֶע אִידְן גֵייעֶן - זָאלְסְטוּ דָאס זִיכֶער טוּן.

שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם אוּן אוֹיךְ נִישְׁט פוּן דַיינֶע בְּרִידֶער. וֶוער עֶס לַאכְט אָפּ פוּן אַ צְוֵוייטְן אִיז דָאס אַ סִימָן פוּן קִנְאָה; דַיינֶע בְּרִידֶער לַאכְן פוּן דִיר וַוייל זֵיי וִוילְן אוֹיךְ זַיין גוּט, טִיף אִין זֵייעֶר הַארְץ וִוילְן זֵיי אַלֶע תְּשׁוּבָה טוּן; זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק אוּן זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן פוּן קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, לֶערְן יֶעדְן טָאג כַּמָּה פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת - אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה כְּלַל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה", מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער; דָאס וֶועט דִיר גֶעבְן כֹּחַ צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען הַאלְט אִין אֵיין טְשֶׁעפֶּען אוּנְזֶער קִינְד?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע דְרָשׁוֹת, עֵצוֹת אוּן בְּרִיוו, עֶס הָאט מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְן אוּן עֶס וֶוערְט נָאר שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער.

מִיר וואוֹינֶען אִין אַ גֶעגְנְט מִיט נִישְׁט צוּפִיל אִידִישֶׁע שְׁכֵנִים, אֵיינֶער פוּן דִי שְׁכֵנִים הָאט אַ מֵיידְל אִין דִי זֶעלְבֶּע עֶלְטֶער ווִי אוּנְזֶער טָאכְטֶער, אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן אוֹיךְ אִין דִי זֶעלְבֶּע שׁוּלֶע. יֶענֶע מֵיידְל מִיט אִיר מַאמֶע הָאבְן זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף מַיין טָאכְטֶער'ס בֵּיינֶער, דִי מַאמֶע הֶעצְט אוּנְטֶער אִיר טָאכְטֶער צוּ טְשֶׁעפֶּען אוּנְזֶער טָאכְטֶער, זִי נֶעמְט צוּזַאם אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ פוּן גֶעגְנְט אוּן זֵיי מַאכְן חוֹזֵק פוּן אִיר טָאג אֵיין טָאג אוֹיס.

וֶוען מֶען פְרֶעגְט דִי עֶלְטֶערְן אוֹיב אוּנְזֶער טָאכְטֶער הָאט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן, הָאבְן

זֵיי גָארְנִישְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן. מִיר הָאבְּן אוֹיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן מִיט דִי פְּרוֹי וָואס דִי שׁוּלֶע הָאט סְפֶּעצִיעֶל גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי זַאךְ פוּן טְשֶׁעפֶּען אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁטָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן. מִיר בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, מִיר זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה מִיט יֶעדְן.

אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט עֶטְלִיכֶע מָאל צוּ רֶעדְן שֵׁיינֶערְהֵייט מִיט דִי עֶלְטֶערְן אַז עֶס זָאל זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן, דֶערְוַוייל הָאט עֶס אָבֶּער נָאר גֶעמַאכְט עֶרְגֶער, מִיר הַאלְטְן עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס.

קֶען אֶפְשַׁר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּנְז גֶעבְּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בֹּא, י״ז שׁוֹבָבִי״ם, ב׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס מַאכְט זִיךְ לֵיידֶער בַּיי אַסַאךְ - דִי סָארְט פְּרָאבְּלֶעם, וֶוען צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער אִיז דָא אֵיינֶער וָואס גְרוֹיסְט זִיךְ אוֹיף אַנְדֶערֶע, אוּן מֶען נֶעמְט אַ קִינְד פַּאר אַ צִיל-בְּרֶעט, מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִים אוּן מֶען פַּיינִיגְט אִים רַחֲמָנָא לִצְלָן.

וֶוען דַיין טָאכְטֶער גֵייט אַרָאפּ זִיךְ שְׁפִּילְן, שִׁיק אִיר אַרָאפּ מִיט נַאשׁ אוּן מִיט שְׁפִּילְצֵייג, גֶעיִמְס וְכַדוֹמֶה; אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ וֶועלְן שְׁפִּילְן מִיט אִיר. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט אֵיינֶער אָדֶער צְוֵויי שְׁכֵנִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט סְפֶּעצִיעֶל עֶפֶּעס קֶעגְן דִיר, זָאלְסְט זֵיי דֶערְצֵיילְן אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט דַיין טָאכְטֶער, וֶועלְן זֵיי מְחַנֵךְ זַיין זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן מִיט דַיין טָאכְטֶער.

וְעַל כּוּלָם בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע; תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלְסְדִינְג, תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן שֵׂכֶל, שְׁטֶערְקֶער פוּן טֶבַע; מִיט תְּפִלָּה זֶעט מֶען נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן יֶעדְן טָאג אַ גֶעפִּיל צוּם דַאוֶוענֶען?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים און בְּרִיוּו, אַלֶעס וָואס אִיךְ לֶעבּ בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אִיז נָאר אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, פוּן אַ שֵׁיגֶץ וָואס זוּכְט עֲבֵירוֹת בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייְדְט צוּ אַ אִיד וָואס וִויל זַיין נָאר גוּט, וואוֹיל און עֶרְלִיךְ.

אַמָאל הָאבּ אִיךְ פַּיינְט גֶעהַאט דָאס דַאוֶוענֶען, הַיינְט שְׁטֵיי אִיךְ אוֹיף פַּארְטָאגְס, אִיךְ לוֹיף אִין מִקְוֶה און אִיךְ לוֹיף צוּם דַאוֶוענֶען. פוּן וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז מַיין לֶעבְּן גֶעוָוארְן אַזוֹי זִיס און שֵׁיין, עֶס פְלֶעגְט דוּרְכְגֵיין גַאנְצֶע טֶעג וָואס אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט און הַיינְט לֶערְן אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם יֶעדְן טָאג דְרֵיי בְּלַאט גְמָרָא, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, בֵּית נִצְחִי און שִׁיעוּרִים אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה און אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אוֹיסֶער דִי לִימוּדִים וָואס מֶען לֶערְנְט בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה.

יֶעצְט נָאךְ מַיין לַאנְגֶע הַקְדָמָה וֶועל אִיךְ צוּקוּמֶען צוּ מַיין שְׁאֵלָה; זַייט מַיין בַּר מִצְוָה הָאבּ אִיךְ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפֶעלְט צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן בִּיז אֵיין טָאג לֶעצְטֶע וָואךְ, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען לֶערְנֶען און הֶעלְפְן מַיין זֵיידֶע בִּיז שְׁפֶּעט בַּייְנַאכְט, וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעקוּמֶען בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר מִיד און לֵיידֶער בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן אָן דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, עֶרְשְׁט אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ שַׁחֲרִית הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן פַארְפַאסְט אַ תְּפִלָּה און אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשְׁלִים זַיין דִי נֶעכְטִיגֶע מַעֲרִיב, וִויל אִיךְ פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען דָאס מְתַקֵּן זַיין?

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע שְׁאֵלָה, זַייט אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ בְּרֶסְלֶב פְּרוּבִּיר אִיךְ צוּ דַאוֶוענֶען אַלֶע דְרֵיי תְּפִלּוֹת וָוארְט בַּיי וָוארְט און אִינְזִין הָאבְּן דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילּוֹת מִיט גֶעפִּיל און גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער עֶס מַאכְט זִיךְ טֶעג וָואס אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף אָן קַיין שׁוּם גֶעפִּיל, אִיךְ גֵיי טַאקֶע אִין מִקְוֶה און אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ דַאוֶוענֶען, אָבֶּער קוֹים וָואס אִיךְ שְׁלֶעפּ דִי וֶוערְטֶער,

אָן קַיין שׁוּם גֶעפִיל אוּן טַעַם, אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס זֵייעֶר נִישְׁט לִיבּ, אַזַא סָארְט דַאוֶוענֶען אִיז בַּיי מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ קֶענֶען דַאוֶוענֶען אַלְץ מִיט גֶעפִיל אוּן חֵשֶׁק אוּן אִינְזִין הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ״א שׁוֹבָבִ״ים, ז׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**צְוֵויי ווִיכְטִיגֶע נְקוּדוֹת זָאלְסְטוּ ווִיסְן. עֶרְשְׁטְנְס אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין מַאשִׁין אוּן נִישְׁט קַיין מַלְאָךְ; מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, טוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים - וַוייל אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן. מֶען דַאוֶוענְט נִישְׁט מִיט מִנְיָן וַוייל מֶען דַאוֶוענְט יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן, אוּן מֶען לֵייגְט נִישְׁט קַיין תְּפִילִין וַוייל מֶען לֵייגְט יֶעדְן טָאג תְּפִילִין, מֶען לֵייגְט תְּפִילִין וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן, אוּן אַז מֶען הָאט נֶעכְטְן נִישְׁט גֶעלֵייגְט קַיין תְּפִילִין לֵייגְט מֶען הַיינְט תְּפִילִין. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מִיט דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, מֶען דַאוֶוענְט נִישְׁט מִיט מִנְיָן וַוייל מֶען דַאוֶוענְט יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן, נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אוּן אַז מֶען הָאט נֶעכְטְן נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט - דַאוֶוענְט מֶען הַיינְט. מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**צְוֵויטְנְס, מֶען קֶען נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן צוּ טוּן מִצְוֹת מִיט גֶעפִיל, מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טוּן זַיין ווִילְן, טוּן וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה - אֲפִילוּ אָן גֶעפִיל.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

### ווי אַזוֹי דֶערְהַאלְט אִיךְ זִיךְ וֶוען עֶס אִיז אַ גֵיהִנוֹם אִינְדֶערְהֵיים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין לַאנְגֶע חֲדָשִׁים וָואס דֶער מַצָּב בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער יֶעצְט אִיז שׁוֹין מַמָּשׁ עֶק וֶועלְט, מַיינֶע עֶלְטֶערְן הַאלְטְן זִיךְ בַּיים גֶטְ'ן. יֶעדְן טָאג אִיז דָא קְרִיגֶערַייעֶן אוּן עֶס הֶערְשְׁט אַ פַּיינְטְשַׁאפְט אִינְדֶערְהֵיים, עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ ווִי זֵיי זֶענֶען מַמָּשׁ צְוֵויי פַּיינְט.

אִיךְ שְׁרַייב דִי וֶוערְטֶער מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ מוּז הָאבְּן אַסַאךְ חִיזּוּק צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן מִיט שִׂמְחָה אוּן עֶרְלִיכְקֵייט.

אוֹיסֶער דֶעם זֶע אִיךְ ווִי מַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶוערְן שְׁוַואכֶער אוּן שְׁוַואכֶער אִין אִידִישְׁקֵייט, אוּן ווִי מַיין יוּנְגֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער קֶען מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן דֶעם מַצָּב, זִי אַנְטְלוֹיפְט צוּ מָאוִויס אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז עֶר הָאט מִיר צוּגֶעשְׁטֶעלְט דִי רְפוּאָה פַּאר דִי מַכָּה, אַז אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, צוּ דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וָואס דָאס גֶעבְּט מִיר חַיּוּת, הָאפֶענוּנְג, אוּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן ווִי אַזוֹי אִיךְ וָואלְט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעגֶעבְּן אָן דֶעם.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִיזּוּק, אוּן אוֹיךְ ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען מְחַזֵּק מַיין יוּנְגֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער אוּן אִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"א שׁוֹבָבִי"ם, ז' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶערְהַאלְטְס אַייךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, נָאךְ אַבִּיסְל וֶוערְט אִיר אַ כַּלָּה, אִיר וֶועט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ, אוּן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס שֵׂכֶל - וֶועט אִיר הָאבְּן אַ זִיסֶע גוּטֶע לֶעבְּן.

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר קִינְדֶער וֶוען עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ. קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר פוּן דִי קִינְדֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ; עֶס אִיז זֵיי גֶעפֶערְלִיךְ שְׁוֶוער, מֶען וֶוערְט צֶעדְרִיקְט יֶעדֶע מִינוּט אִין לֶעבְּן.

מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין וֶוען זֵיי קְרִיגְן זִיךְ. אִיר זָאלְט שְׁטֵיין פוּן דִי זַייט אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, זֵיי זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן. אַזוֹי אוֹיךְ גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַייעֶרֶע יוּנְגֶערֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, עֶס זָאל זֵיי גוּט זַיין.

זַייט שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, גֵייט יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואו קֵיינֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט, אוּן גִיסְט אוֹיס אַייעֶר הַארְץ. שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, דֶערְצֵיילְט אִים וָואס גֵייט אַלְץ אַרִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ, דֶערְצֵיילְט אִים אַייעֶר וֵוייטָאג, בֶּעטְס אִים פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, פַאר שָׁלוֹם בַּיי דִי עֶלְטֶערְן אוּן בַּיי גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְט אִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, אֲפִילוּ נָאר אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען מַאכְן אַ בְּרָכָה וֶוען מֶען דַארְף גֵיין אִין מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער וֶוען מֶען דַארְף גֵיין אִין מִקְוֶה פַאר טְבִילַת עֶזְרָא; אִיךְ וֵויים אַז מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן קַיין שׁוּם דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה פַאר דִי מִקְוֶה, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, אָבֶּער עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַז אִיךְ וִויל קוֹדֶם טְרִינְקֶען אַ קַאוֶוע אָדֶער מֶען דַארְף מֶען מַאכְן אַ בְּרָכַת אֲשֶׁר יָצַר, אוּן אִיךְ וֵויים נִישְׁט קְלָאר וָואס מֶען דַארְף טוּן אִין אַזַא צַייט.

אֵיין מַדְרִיךְ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן אַ בְּרָכָה, מֶען זָאל טַאקֶע נִישְׁט טְרִינְקֶען, אַ צְוֵוייטֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל יוֹצֵא זַיין דִי בְּרָכָה פוּן אַ צְוֵוייטְן,

דֶערְנָאךְ הָאט מִיר דֶער עֶרְשְׁטֶער גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז נָאךְ עֶרְגֶער, עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ טְרִינְקֶען אָן אַ בְּרָכָה וִוי צוּ זָאגְן דִי בְּרָכָה, אָבֶער דָאס טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט.

לְמַעֲשֶׂה וַוייס אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, צוּמָאל טְרִינְק אִיךְ אָן אַ בְּרָכָה אוּן אַמָאל מַאךְ אִיךְ יָא אַ בְּרָכָה; אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְן אַ קְלָארֶע פְּסַק וָואס צוּ טוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ״א שׁוֹבָבִי״ם, ז׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ דַארְפְסְט עֶסְן אָדֶער טְרִינְקֶען - זָאלְסְטוּ אַוַדַאי מַאכְן אַ בְּרָכָה; חַס וְחָלִילָה עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אָן אַ בְּרָכָה, אוּן אַז עֶס אִיז סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע - זָאלְסְטוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין קְרִיאַת שְׁמַע בִּזְמַנּוֹ, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶנְ׳ט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז הַיינְטִיגֶע טֶעג אִיז בָּטְלָה טְבִילַת עֶזְרָא (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן פח).

מִיר זֶענֶען טַאקֶע זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף טְבִילַת עֶזְרָא, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם מְבַטֵּל זַיין בְּרָכוֹת אוּן קְרִיאַת שְׁמַע וְכַדוֹמֶה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקמז): ״יֵשׁ אֲנָשִׁים שֶׁבִּשְׁבִיל חֻמְרָא אַחַת מְבַטְּלִין הַרְבֵּה מְאֹד מֵעֲבוֹדַת ה׳, כִּמְעַט הַכֹּל״, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס וֶועגְן אֵיין חוּמְרָא זֶענֶען זֵיי מְבַטֵּל פוּן עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, דָאס טָאר נִישְׁט זַיין; מֶען דַארְף מַקְפִּיד זַיין אוֹיף גֵיין אִין מִקְוֶה - אָבֶער נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם מְבַטֵּל זַיין תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס אִיז דֶער מִנְהָג אִין בְּרֶסְלֶב וֶועגְן נִיטְל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז שׁוֹין טַאקֶע דוּרְךְ דִי נִיטְל נַאכְט, אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעוְואלְט פְרֶעגְן אוֹיף קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, וָואס אִיז דֶער מִנְהָג אִין בְּרֶסְלֶב וֶועגְן נִיטְל, וֶועלְכֶע טָאג הַאלְט מֶען נִיטְל, אוּן פוּן וִויפִיל אַזֵייגֶער בִּיז וִויפִיל אַזֵייגֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ״א שׁוֹבָבִי״ם, ז׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין עֵסֶק אִין בְּרֶסְלֶב פוּן נִיטְל, אוּן מוֹהֲרָא״שׁ בְּרֶענְגְט, עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַ טַעַם אוֹיף דֶעם, וַוייל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֵייעֶן דָאךְ שְׁלָאפְן זֵייעֶר פְּרִי אוּן שְׁטֵייעֶן אוֹיף חֲצוֹת, אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ דֶער גַאנְצֶער זַאךְ, וַוייל פוּן מַעֲרִיב בִּיז חֲצוֹת זֶענֶען אַלֶע גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן.

וֶוער עֶס הָאט אַ חֲשַׁשׁ וֶועגְן נִיטְל - קֶען זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְטָאגְס לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### מִיט אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים וֶועט אִיר זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג

מָרַת ... תִּחְיֶ'

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, מִיט אַייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער; וֶועט אִיר עֶפֶּענֶען דִי הִימְל פַאר נָאךְ יְשׁוּעוֹת.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר יֶעדְן טָאג זָאגְן כָאטְשִׁיג אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, וֶועט אִיר זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

### דִי יוּנְגֶע יָארְן זֶענֶען דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן פוּן לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, ט' שׁוֹבָבִי"ם, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג

לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ שְׁטֵיי יֶעצְט אִין עֶירְפָּארְט, אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ וַוארְט אוֹיף דִי רֶענְצְלֶעךְ אוּן אִיךְ זֶע דַיין טֶעקְסְט מֶעסֶעדְזְשׁ וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט דַיין סִיּוּם מִשְׁנָיוֹת דִי עֶלְפְטֶע מָאל, אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען נָאכְאַמָאל שַׁ"ס, אַז דוּ הָאסְט לִיבּ צוּ גֵיין אִין חֵדֶר אוּן אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדֶע נַאכְט דִי דַף גְּמָרָא מִיטְן מַגִּיד שִׁיעוּר ר' יַעֲקֹב לֶעסֶער שְׁלִיטָ"א.

הָאסְט מִיךְ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט, און אֲפִילוּ אִיךְ בִּין אָפְּגֶעמַאטֶערְט פון דִי נְסִיעָה – דָאךְ שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר צוּרִיק.

שְׁטַארְק זִיךְ, נוּץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה, דִי יָארְן זֶענֶען דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן פון לֶעבְּן; יֶעדֶע וָוארְט תּוֹרָה אִין דִי יָארְן אִיז מֶער פון אַסַאךְ יָארְן אוֹיף דֶער עֶלְטֶער (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן עג).

...

### אַ קוּנְטְרֵס פון דִי תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס אִיז מְסוּגָל לְהוֹלָדָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פָּרְשַׁת וָאֵרָא, י"א שׁוֹבָבִי"ם, כ"ה טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

עֶס אִיז גוּט זָאלְסְט מַאכְן אַ קוּנְטְרֵס פון תּוֹרָה ב' פון חֵלֶק ב' פון לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן און דִי תְּפִלָּה אוֹיף דִי תּוֹרָה, און דָאס גֶעבְּן פַאר דִי אַבְרֵכִים זֵיי זָאלְן דָאס קֶענֶען מִיטְנֶעמֶען וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין אִין שְׁפִּיטָאל הָאבְּן אַ קִינְד, דִי תּוֹרָה אִיז מְסוּגָל לְהוֹלָדָה. וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מֶען גֵייט שׁוֹין אִין שְׁפִּיטָאל וֶוערְט מֶען צֶעמִישְׁט, מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס און וִוי, און מִיט דִי קוּנְטְרֵס וֶועט מֶען וִויסְן וָואס צוּ לֶערְנֶען און וֶועלְכֶע תְּפִלָּה צוּ דַאוֶונֶען.

שְׁטַארְק זִיךְ און שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ, רֶעכְנְט אוֹיס אִינְאֵיינֶעם דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט עֶנְק – וֶוען קוּמֶען נָאךְ חֲסָדִים.

...

### דֶער וָואס הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן און דִי מַחֲשָׁבָה, וֶוערְט אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פָּרְשַׁת וָאֵרָא, י"א שׁוֹבָבִי"ם, כ"ה טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כא): "חַטָּאִים", דִי זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, "תְּרַדֵּף

רָעָה", לוֹיפְט זֵיי נָאךְ דִי שְׁלֶעכְטֶס, "וְאֶת צַדִּיקִים", אוּן פַאר דִי צַדִּיקִים - "יְשַׁלֶּם טוֹב", בַּאצָאלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גוּטְס.

מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען זָאגְן אַזַא פְּשַׁט, "חַטָּאִים", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְּלָן, "תְּרַדֵּף רָעָה", ווערְט עֶר אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמט), וָואס שְׁטֵייט בַּיי עֵר וְעוֹנָן? "וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי ה'" (בְּרֵאשִׁית לח, ז), זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען רַע בְּעֵינֵי ה', פַארְוָואס שְׁטֵייט נִישְׁט רָשָׁע? נָאר דֶער רֶבִּי זָאגְט, ווער עֶס זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן עֵר וְעוֹנָן, עֶר אִיז מַשְׁחִית זֶרַע רַחֲמָנָא לִצְּלָן - וֶוערְט רַע, אַ שְׁלֶעכְטֶער, אַ כַּעֲסָ'ן, אַ שְׁלֶעגֶער, אַ בַּעַל מַחֲלֹקֶת, אַ לֵץ וָואס שְׁפֶּעט פוּן צַדִּיקִים.

ווִידֶער "וְאֶת צַדִּיקִים", דֶער וָואס הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן אוּן דִי מַחֲשָׁבָה, עֶר זִינְדִיגְט נִישְׁט, אוּן אוֹיב עֶר פַאלְט אַרָאפּ - טוּט עֶר גְלַייךְ תְּשׁוּבָה, אַזַא אֵיינֶער - "יְשַׁלֶּם טוֹב", עֶר וֶוערְט אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר וֶוערְט נִישְׁט בְּכַעַס, עֶר שְׁלָאגְט נִישְׁט קֵיינֶעם, עֶר קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, עֶר אַנְטְלוֹיפְט פוּן מַחֲלֹקֶת, עֶר הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

**אַז מֶען הָאט חוֹבוֹת אִיז מֶען מְקַיֵּים מִצְוַת צְדָקָה מִיט פְּרוּטוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י"ב שׁוֹבָבִי"ם, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג

לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

הִיט זִיךְ פוּן חוֹבוֹת. כָּל זְמַן מֶען הָאט חוֹבוֹת קֶען מֶען נִישְׁט טֵיילְן קַיין גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער פַאר צְדָקָה, אַז מֶען הָאט חוֹבוֹת אִיז מֶען מְקַיֵּים מִצְוַת צְדָקָה מִיט פְּרוּטוֹת. צְדָקָה דַארְף מֶען גֶעבְּן יֶעדְן טָאג, אָבֶּער אוֹיב מֶען אִיז שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער דֶער זְמַן פוּן בַּאצָאלְן - טָאר מֶען נִישְׁט טֵיילְן צְדָקָה, שְׁפִּילְן עוֹשֶׁר; מֶען דַארְף קוֹדֶם בַּאצָאלְן אַלֶע חוֹבוֹת אוּן מְקַיֵּים זַיין צְדָקָה מִיט פְּרוּטוֹת.

דָאס אִיז אֵיינְס פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאכְן פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי׳ן, מֶען דַארְף אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן אִין רֶעאַלִיטֶעט; גֶעעֶנְדִיגְט מִיט שְׁפִּילְן דִי שְׁפִּיל פוּן לִיגְנְט, פוּן קְרֶעדִיט קַארְדְ׳ס וְכַדוֹמֶה.

ווארויל אִיז דֶעם וָואס פָּאפְּט זִיךְ נִישְׁט אוּן פָּאפְּט נִישְׁט אַנְדֶערֶע, עֶר לֶעבְּט וִויפִיל עֶר הָאט, עֶר שְׁפִּילְט נִישְׁט פַאר דִי חֲבֵרִים מַעֲשֶׂה עוֹשֶׁר, עֶר לֶעבְּט שְׁפָּארְזַאם, עֶר אִיז צוּפְרִידְן וִויפִיל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים, אוּן לֵייגְט אַרַיין זַיין קָאפּ אוּן מֹחַ אִין טוּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וְלִמּוּד הַתּוֹרָה.

הִיט זִיךְ פוּן חוֹבוֹת וִוי מֶען הִיט זִיךְ פוּן דִי שְׁרֶעקֶעדִיגְסְטֶע זַאךְ.

...

דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה זָאלְן בְּלַייבְּן אוֹיף אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר סְטַאנְדַארְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וָאֵרָא, י״ב שׁוֹבָבִי״ם, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוֹדֶם כֹּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְן מִיר הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי, וּבִפְרַט מִיטְ׳ן אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן מִיר דִי עוֹל הַחֲתֻנּוֹת, דוּ הָאסְט אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן מִיר דִי גַאנְצֶע עוֹל. דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת פַאר דִיר, צוּ הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער בְּחִנָּם מַמָּשׁ, אָן קַיין אֵיין פְּרוּטָה. אַלֶע קְהִלּוֹת הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע מֶענְטְשְׁן בְּעֵת שִׂמְחָתָם מִיט בָּארְגְן גֶעלְט, אוּן אוֹיךְ מִיט גֶעבְּן גֶעלְט, אָבֶּער מִיר גֶעבְּן דֶעם גַאנְצְן לֵיל הַחֲתוּנָה בְּחִנָּם מַמָּשׁ.

אִיךְ וִויל פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ מֶער נִישְׁט נֶעמֶען גֶעלְט פַאר דִי חֲתוּנָה פוּן דִי מוֹסָד קַאסֶע, דִי מוֹסָד אִיז יֶעצְט זֵייעֶר גֶעדְרוּקְט, עֶס אִיז נִישְׁטָא צוּ בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע; זָאלְסְטוּ מֶער נִישְׁט נֶעמֶען קַיין גֶעלְט פוּן דִי קַאסֶע, אִיךְ וֶועל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ קַאסֶע פַאר דִי צְוֶועק.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז דִי חֲתוּנוֹת זָאלְן בְּלַייבְּן אוֹיף אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר סְטַאנְדַארְד כְּדֵי עֶס זָאל הָאבְּן אַ קִיוּם, מִיר זָאלְן דָאס קֶענֶען וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז דִי בָּחוּרִים וָואס מַאכְן דִי מוּזִיק זָאלְן מַאכְן נָאר הֵיימִישֶׁע נִיגוּנִים מִיט טַעַם, וַוייל דִי הַיינְטִיגֶע נִיגוּנִים מַאכְן נָאוֹשֶׁעס און עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי גַאנְצֶע חֵן פוּן אַ אִידִישֶׁע חֲתוּנָה.

עֶסְצֵייג קֶענְסְטוּ נֶעמֶען פוּן יְשִׁיבָה, מֶען דַארְף נִישְׁט קוֹיפְן קַיין דוּרְכְזִיכְטִיגֶע.

...

**הִיט דַיינֶע אוֹיגְן, יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז גְרִינְגֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י״ב שׁוֹבָבִי״ם, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט אִין דִי טֶעג וָואס דַיין וַוייבּ וַוארְט לְמַזָל טוֹב זָאלְסְטוּ זַיין מֶער פָארְזִיכְטִיג צוּ אִיר, וַוייל דִי טֶעג זֶענֶען שְׁוֶוערֶע טֶעג פַאר אִיר און דִי מַצָּב רוּחַ, דִי מָאד - טוּישְׁט זִיךְ פוּן מִינוּט צוּ מִינוּט, און אַז מֶען וֵוייסְט דָאס פוּן פָארְאוֹיס - אִיז דָאס גְרִינְגֶער. זַיי גְרֵייט אַז זִי וֶועט נִישְׁט זַיין גְרֵייט פַאר דִיר וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוֹיךְ מִיט עֶסְן אִיז שְׁוֶוער וְכוּ׳.

הָעִקָּר שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און מִיט תְּפִלָּה. בֶּעט פַאר דִיר, פַאר דַיין וַוייבּ און פַאר דָאס קִינְד, אַלֶעס זָאל זַיין בְּנָקֵל, גְרִינְג און בְּנַחַת.

הִיט דַיינֶע אוֹיגְן. יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז גְרִינְגֶער; דוּ הָאסְט פַּת בְּסַלוֹ, הָאסְט דַיין וַוייבּ. רֶעד מִיט אִיר, קוּק אוֹיף אִיר און אוֹיף קֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט.

...

## לֶערְן סֵיי אִין שׁוּל אוּן סֵיי אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י״ב שׁוֹבָבִי״ם, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג
לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, הֲלָכָה, מֶדְרָשׁ וְסִפְרֵי רַבֵּנוּ, עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אֲפִילוּ אֵיין טָאג אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט, הֲלָכָה ה): "יוֹם תַּעַזְבֵנִי", אוֹיבּ מֶען לָאזְט אָפּ דִי תּוֹרָה פַאר אֵיין טָאג, "יוֹמַיִם אֶעֶזְבֶךָּ", וֶועט דִי תּוֹרָה דִיךְ אָפְּלָאזְן צְוֵויי טֶעג; אַזוֹי גֵייט עֶס, אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט הַיינְט - לֶערְנְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט מָארְגְן.

מִיטְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי׳ן, לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו) - קֶען מֶען בַּאוַוייזְן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אֲפִילוּ מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה וְכַדוֹמֶה.

לֶערְן סֵיי אִין שׁוּל אוּן סֵיי אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז וִויכְטִיג בֵּיידֶע, וַוייל דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַז זֵיי זֶעעֶן דֶעם טַאטֶע לֶערְנֶען טָאג נָאךְ טָאג - אִיז דָאס גָאר אַן אַנְדֶערֶע שְׁטוּבּ, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף גָאר אַנְדֶערְשׁ.

...

## בַּיי רוּחָנִיוּת דַארְף מֶען אַלְץ שְׁטְרֶעבְּן אוֹיף נָאךְ אוּן נָאךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י״ב שׁוֹבָבִי״ם, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק הָרוֹאֶה, הֲלָכָה ה, לְפִי גִּירְסַת הָעֵין יַעֲקֹב): "כָּל בִּרְכַיָא טָבִין", אַלֶע בְּרָכוֹת זֶענֶען גוּט, "וּבִרְכַיָא דְאוֹרַיְיתָא בִּישִׁין", אוּן בַּיי דִי תּוֹרָה אִיז דָאס נִישְׁט גוּט, פְּשַׁט אִיז, בַּיי אַלֶע וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן אִיז גוּט וֶוען מֶען אִיז צוּפְרִידְן, אוֹיסֶער בַּיי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, דָארְט אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין צוּפְרִידְן, דָארְט דַארְף מֶען וֶועלְן נָאךְ אוּן נָאךְ, וַוייל וִויפִיל מֶען

לֶערְנְט און וְויפִיל מִצְוֹת מֶען טוּט - דַארְף מֶען אַלְץ שְׁטְרֶעבְּן אוֹיף נָאךְ און נָאךְ. נָאר בַּיי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן דַארְף מֶען זַיין צוּפְרִידְן, בַּיי אֵייגֶעֶנֶע גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע גֶעבְּרוֹיכְן זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (אָבוֹת ד, א): "אֵיזֶהוּ עָשִׁיר, הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ", אָבֶער בַּיי תּוֹרָה - "בִּרְכַּיָא דְאוֹרַיְיתָא בִּישִׁין", אִיז נִישְׁט גוּט דָאס צוּפְרִידְנְקֵייט, מֶען דַארְף טוּן נָאךְ און נָאךְ אָן אוֹיפְהֶער; וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

שְׁטַארְק זִיךְ טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, "הַמַּתְחִיל בְּמִצְוָה אוֹמְרִים לוֹ גְּמוֹר", הָאסְט אָנְגֶעפַאנְגֶען הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי מִצְוָה, נָאר וַוייטֶער בּוֹיעֶן - מִיט דִי זֶעלְבֶּע פְּרִישְׁקֵייט - אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל, בְּעִיקָר עֶס זָאל זַיין הַייזֶער פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַאר בִּילִיג. און אוֹיךְ דִי מוֹסְדוֹת, מֶען זָאל בַּאצָאלְן צַייטְלִיךְ דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

...

**אִיר זָאלְט וַוייטֶער מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר אַייעֶר מַאמֶע'ס נְשָׁמָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י"ב שׁוֹבָבִי"ם, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג

מָרַת ... תִּחְיֶ'

הַמָּקוֹם יְנַחֵם אֶתְכֶם מִתּוֹךְ שְׁאָר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נַייעֶס אַז אַייעֶר מַאמֶע אִיז לֵיידֶער נִפְטָר גֶעוָוארְן אִין אַייעֶר לֶעצְטֶע טָאג פוּן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת. זָאלְט אִיר אָבֶער וִויסְן אַז אַייעֶר מַאמֶע הָאט גֶעהַאט פוּן אַייךְ גְרוֹיס נַחַת, זִי הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן דִי נַחַת וָואס אִיר הָאט אִיר גֶעבְּרֶענְגְט יֶעצְט בַּיי דִי חֲתוּנָה. זִי אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ בַּיי דִי חֲתוּנָה, זִי הָאט אַלֶעמֶען אַזוֹי שֵׁיין בַּאדַאנְקְט, זָאלְט אִיר נִישְׁט הָאבְּן חַס וְשָׁלוֹם קַיין שׁוּלְד גֶעפִיל.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, טְרַייבְּט אַרוֹיס אַלֶע שׁוּלְד גֶעפִילְן, יֶעצְט זָאלְט אִיר זִי מַאכְן וַוייטֶער אַ נַחַת רוּחַ פַאר אִיר נְשָׁמָה. זִי זִיצְט יֶעצְט אִין גַן עֵדֶן און קוּקְט אוֹיף אַייךְ, צוּ זֶען ווִי שֵׁיין אִיר פִירְט זִיךְ. זִי שֶׁעפְּט נַחַת פוּן אַייעֶר צְנִיעוּת, פוּן אַייעֶר עֶרְלִיכְקֵייט, זִי הַאלְט אַלֶעס וַוייטֶער מִיט פוּן דִי מִשְׁפָּחָה.

בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז נִישְׁטָא דִי זַאךְ פוּן שְׁטַארְבְּן; דִי נְשָׁמָה לֶעבְּט, דִי נְשָׁמָה זֶעט, דִי נְשָׁמָה קְוֶועלְט פוּן נַחַת ווִי דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, וֶועט דָאס זַיין לְעִלּוּי נִשְׁמָתָהּ, אוּן שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט – אִיז גוּט.

...

## נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן פַאר אַ שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י"ב שׁוֹבְבִי"ם, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן פַאר אַ שִׁידוּךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ", וֶועם עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ, "יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן דִי פַּרְשָׁה פוּן קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים.

טוּ דִי סְגוּלָה, זָאג יֶעדְן טָאג דִי פַּרְשָׁה וָואס מֶען לֵיינְט חֲנוּכָּה, דִי פַּרְשָׁה פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", זָאג עֶס מִיט אֱמוּנָה, בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אוּן נָאכְן זָאגְן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, גֶעבּ מִיר אַ שִׁידוּךְ. עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אַלֵיינְס, אַ פְּלַג גוּף. אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ. אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן, זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדֻשַּׁת הַבְּרִית, זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי סְגוּלָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין יֶעצְט טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ, אָמֵן סֶלָה".

סֵדֶר קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים:

וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן וַיִּמְשַׁח אֹתוֹ וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ וְאֶת כָּל כֵּלָיו וְאֶת הַמִּזְבֵּחַ וְאֶת כָּל כֵּלָיו וַיִּמְשָׁחֵם וַיְקַדֵּשׁ אֹתָם: וַיַּקְרִיבוּ נְשִׂיאֵי יִשְׂרָאֵל

רָאשֵׁי בֵּית אֲבֹתָם הֵם נְשִׂיאֵי הַמַּטֹּת הֵם הָעֹמְדִים עַל הַפְּקֻדִים: וַיָּבִיאוּ אֶת קָרְבָּנָם לִפְנֵי יי׳ שֵׁשׁ עֶגְלֹת צָב וּשְׁנֵי עָשָׂר בָּקָר עֲגָלָה עַל שְׁנֵי הַנְּשִׂאִים וְשׁוֹר לְאֶחָד וַיַּקְרִיבוּ אוֹתָם לִפְנֵי הַמִּשְׁכָּן: וַיֹּאמֶר יי׳ אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר: קַח מֵאִתָּם וְהָיוּ לַעֲבֹד אֶת עֲבֹדַת אֹהֶל מוֹעֵד וְנָתַתָּה אוֹתָם אֶל הַלְוִיִּם אִישׁ כְּפִי עֲבֹדָתוֹ: וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת הָעֲגָלֹת וְאֶת הַבָּקָר וַיִּתֵּן אוֹתָם אֶל הַלְוִיִּם: אֵת שְׁתֵּי הָעֲגָלוֹת וְאֵת אַרְבַּעַת הַבָּקָר נָתַן לִבְנֵי גֵרְשׁוֹן כְּפִי עֲבֹדָתָם: וְאֵת אַרְבַּע הָעֲגָלֹת וְאֵת שְׁמֹנַת הַבָּקָר נָתַן לִבְנֵי מְרָרִי כְּפִי עֲבֹדָתָם בְּיַד אִיתָמָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן: וְלִבְנֵי קְהָת לֹא נָתָן כִּי עֲבֹדַת הַקֹּדֶשׁ עֲלֵהֶם בַּכָּתֵף יִשָּׂאוּ: וַיַּקְרִיבוּ הַנְּשִׂאִים אֵת חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ בְּיוֹם הִמָּשַׁח אֹתוֹ וַיַּקְרִיבוּ הַנְּשִׂיאִם אֶת קָרְבָּנָם לִפְנֵי הַמִּזְבֵּחַ: וַיֹּאמֶר יי׳ אֶל מֹשֶׁה נָשִׂיא אֶחָד לַיּוֹם נָשִׂיא אֶחָד לַיּוֹם יַקְרִיבוּ אֶת קָרְבָּנָם לַחֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ:

וַיְהִי הַמַּקְרִיב בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן אֶת קָרְבָּנוֹ נַחְשׁוֹן בֶּן עַמִּינָדָב לְמַטֵּה יְהוּדָה: וְקָרְבָּנוֹ קַעֲרַת כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק אֶחָד כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם מְלֵאִים סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה: כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת: פַּר אֶחָד בֶּן בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ אֶחָד בֶּן שְׁנָתוֹ לְעֹלָה: שְׂעִיר עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת: וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתּוּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן נַחְשׁוֹן בֶּן עַמִּינָדָב:

בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי הִקְרִיב נְתַנְאֵל בֶּן צוּעָר נְשִׂיא יִשָּׂשכָר: הִקְרִב אֶת קָרְבָּנוֹ קַעֲרַת כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק אֶחָד כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם מְלֵאִים סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה: כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת: פַּר אֶחָד בֶּן בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ אֶחָד בֶּן שְׁנָתוֹ לְעֹלָה: שְׂעִיר עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת: וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן נְתַנְאֵל בֶּן צוּעָר:

בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי נָשִׂיא לִבְנֵי זְבוּלֻן אֱלִיאָב בֶּן חֵלֹן: קָרְבָּנוֹ קַעֲרַת כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק אֶחָד כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם מְלֵאִים סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה: כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת: פַּר אֶחָד בֶּן בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ אֶחָד בֶּן שְׁנָתוֹ לְעֹלָה: שְׂעִיר עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת: וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן אֱלִיאָב בֶּן חֵלֹן:

בַּיּוֹם הָרְבִיעִי נָשִׂיא לִבְנֵי רְאוּבֵן אֱלִיצוּר בֶּן שְׁדֵיאוּר: קָרְבָּנוֹ קַעֲרַת כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק אֶחָד כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם מְלֵאִים סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה: כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת: פַּר אֶחָד בֶּן בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ אֶחָד בֶּן שְׁנָתוֹ לְעֹלָה: שְׂעִיר עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת: וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן אֱלִיצוּר בֶּן שְׁדֵיאוּר:

בַּיּוֹם הַחֲמִישִׁי נָשִׂיא לִבְנֵי שִׁמְעוֹן שְׁלֻמִיאֵל בֶּן צוּרִישַׁדָּי: קָרְבָּנוֹ קַעֲרַת כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק אֶחָד כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם מְלֵאִים סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה: כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת: פַּר אֶחָד בֶּן בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ אֶחָד בֶּן שְׁנָתוֹ לְעֹלָה: שְׂעִיר עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת: וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן שְׁלֻמִיאֵל בֶּן צוּרִישַׁדָּי:

בַּיּוֹם הַשִּׁשִּׁי נָשִׂיא לִבְנֵי גָד אֶלְיָסָף בֶּן דְּעוּאֵל: קָרְבָּנוֹ קַעֲרַת כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק אֶחָד כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם מְלֵאִים סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה: כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת: פַּר אֶחָד בֶּן בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ אֶחָד בֶּן שְׁנָתוֹ לְעֹלָה: שְׂעִיר עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת: וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן אֶלְיָסָף בֶּן דְּעוּאֵל:

בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי נָשִׂיא לִבְנֵי אֶפְרָיִם אֱלִישָׁמָע בֶּן עַמִּיהוּד: קָרְבָּנוֹ קַעֲרַת כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק אֶחָד כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם מְלֵאִים סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה: כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת: פַּר אֶחָד בֶּן בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ אֶחָד בֶּן שְׁנָתוֹ לְעֹלָה: שְׂעִיר עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת: וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן אֱלִישָׁמָע בֶּן עַמִּיהוּד:

בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי נָשִׂיא לִבְנֵי מְנַשֶּׁה גַּמְלִיאֵל בֶּן פְּדָהצוּר: קָרְבָּנוֹ קַעֲרַת כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק אֶחָד כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם מְלֵאִים סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה: כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת: פַּר אֶחָד בֶּן בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ אֶחָד בֶּן שְׁנָתוֹ לְעֹלָה: שְׂעִיר עִזִּים אֶחָד

לְחַטָּאת: וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן גַּמְלִיאֵל בֶּן פְּדָהצוּר:

בַּיּוֹם הַתְּשִׁיעִי נָשִׂיא לִבְנֵי בִנְיָמִן אֲבִידָן בֶּן גִּדְעֹנִי: קָרְבָּנוֹ קַעֲרַת כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק אֶחָד כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם מְלֵאִים סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה: כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת: פַּר אֶחָד בֶּן בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ אֶחָד בֶּן שְׁנָתוֹ לְעֹלָה: שְׂעִיר עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת: וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן אֲבִידָן בֶּן גִּדְעֹנִי:

בַּיּוֹם הָעֲשִׂירִי נָשִׂיא לִבְנֵי דָן אֲחִיעֶזֶר בֶּן עַמִּישַׁדָּי: קָרְבָּנוֹ קַעֲרַת כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק אֶחָד כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם מְלֵאִים סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה: כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת: פַּר אֶחָד בֶּן בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ אֶחָד בֶּן שְׁנָתוֹ לְעֹלָה: שְׂעִיר עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת: וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן אֲחִיעֶזֶר בֶּן עַמִּישַׁדָּי:

בְּיוֹם עַשְׁתֵּי עָשָׂר יוֹם נָשִׂיא לִבְנֵי אָשֵׁר פַּגְעִיאֵל בֶּן עָכְרָן: קָרְבָּנוֹ קַעֲרַת כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק אֶחָד כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם מְלֵאִים סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה: כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת: פַּר אֶחָד בֶּן בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ אֶחָד בֶּן שְׁנָתוֹ לְעֹלָה: שְׂעִיר עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת: וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן פַּגְעִיאֵל בֶּן עָכְרָן:

בְּיוֹם שְׁנֵים עָשָׂר יוֹם נָשִׂיא לִבְנֵי נַפְתָּלִי אֲחִירַע בֶּן עֵינָן: קָרְבָּנוֹ קַעֲרַת כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק אֶחָד כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם מְלֵאִים סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה: כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת: פַּר אֶחָד בֶּן בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ אֶחָד בֶּן שְׁנָתוֹ לְעֹלָה: שְׂעִיר עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת: וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן אֲחִירַע בֶּן עֵינָן:

זֹאת חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ בְּיוֹם הִמָּשַׁח אֹתוֹ מֵאֵת נְשִׂיאֵי יִשְׂרָאֵל קַעֲרֹת כֶּסֶף שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה מִזְרְקֵי כֶסֶף שְׁנֵים עָשָׂר כַּפּוֹת זָהָב שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה: שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה הַקְּעָרָה

הָאַחַת כֶּסֶף וְשִׁבְעִים הַמִּזְרָק הָאֶחָד כֹּל כֶּסֶף הַכֵּלִים אַלְפַּיִם וְאַרְבַּע מֵאוֹת בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ: כַּפּוֹת זָהָב שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה מְלֵאֹת קְטֹרֶת עֲשָׂרָה עֲשָׂרָה הַכַּף בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ כָּל זְהַב הַכַּפּוֹת עֶשְׂרִים וּמֵאָה: כָּל הַבָּקָר לָעֹלָה שְׁנֵים עָשָׂר פָּרִים אֵילִם שְׁנֵים עָשָׂר כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה שְׁנֵים עָשָׂר וּמִנְחָתָם וּשְׂעִירֵי עִזִּים שְׁנֵים עָשָׂר לְחַטָּאת: וְכֹל בְּקַר זֶבַח הַשְּׁלָמִים עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה פָּרִים אֵילִם שִׁשִּׁים עַתֻּדִים שִׁשִּׁים כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה שִׁשִּׁים זֹאת חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ אַחֲרֵי הִמָּשַׁח אֹתוֹ: וּבְבֹא מֹשֶׁה אֶל אֹהֶל מוֹעֵד לְדַבֵּר אִתּוֹ וַיִּשְׁמַע אֶת הַקּוֹל מִדַּבֵּר אֵלָיו מֵעַל הַכַּפֹּרֶת אֲשֶׁר עַל אֲרֹן הָעֵדֻת מִבֵּין שְׁנֵי הַכְּרֻבִים וַיְדַבֵּר אֵלָיו:

...

### אִיךְ וַוארְט זָאלְסְט שׁוֹין צוּרִיקְקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י״ב שׁוֹבבי״ם, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג

לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר, שׁוֹין אַ גַאנְצֶע וָואךְ וָואס אִיךְ זֶע דִיךְ נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה. אִיךְ הֶער זָאגְן אַז דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גוּט, ווּאוּנְטְשׁ אִיךְ דִיר אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶס מִיט אִים. בֶּעט אִים פַאר אַלֶעס וָואס דוּ בַּאגֶערְסְט, בְּעִיקָר אוֹיף זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוֹיף זַיין הֵיילִיג.

אוֹיךְ לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

אִיךְ וַוארְט זָאלְסְט שׁוֹין צוּרִיקְקוּמֶען.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיךְ לִיב.

...

## שָׁלוֹם אִיז נִישְׁט וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן אֵיינִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, י״ט שׁוֹבָבִי״ם, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק
לְכָבוֹד מַיינֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר מַיינֶע טַייעֶרֶע בְּרִידֶער, שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת; בְּעִיקָר זָאלְט אִיר זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף זַיין פְרֵיילִיךְ. מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט, עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ פַאסְטְן אוּן זִיךְ פַּייִנִיגְן מִיט סִגּוּפִים - וִוי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה, מֶען דַארְף שְׁטְרֶעבְּן צוּ דֶעם, בֶּעטְן אוֹיף דֶעם אוּן זוּכְן אַלֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ ווִיל אַייךְ דִי וָואךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אַפָּאר וִויכְטִיגֶע נְקוּדוֹת. וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶועזְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז עֶס אִיז דָא וָואס דַארְפְן אַסַאךְ חִיזּוּק אִינֶעם פְּרַט פוּן לֶעבְן בְּשָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ אֲפִילוּ מַאן אוּן וַוייבּ זֶענֶען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע נַאטוּרְן, וַוייל דַיְקָא דֶעמָאלְט וֶוען עֶס קוּמֶען זִיךְ צַאם אִינְאֵיינֶעם צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע נַאטוּרְן אוּן מֶען לֶעבְּט אִינְאֵיינֶעם - דָאס אִיז שָׁלוֹם.

מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט מִיט אוּנְז חַזֶּר׳ן, שָׁלוֹם אִיז נִישְׁט וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן אֵיינִיג, שָׁלוֹם אִיז נִישְׁט וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע נַאטוּר, שָׁלוֹם אִיז אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב כה, ב): ״עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם אִין הִימְל צְווִישְׁן דִי מַלְאָכִים, קוּקְט אַרַיין אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן פּ) עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב כה, ב): ״עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם אִין הִימְל צְווִישְׁן דִי מַלְאָכִים, ״כִּי זֶה הַמַּלְאָךְ מֵאֵשׁ, וְזֶה מִמַּיִם״, וַוייל אֵיין מַלְאָךְ אִיז פַייעֶר אוּן אֵיין מַלְאָךְ אִיז וַואסֶער, ״שֶׁהֵם תְּרֵי הֲפָכִים; כִּי מַיִם מְכַבֶּה אֵשׁ״, וָואס דָאס זֶענֶען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן, וַוייל וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פַייעֶר אוּן פַייעֶר טְרוּקְנְט אוֹיס וַואסֶער, ״וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם וּמְחַבְּרָם יַחַד״, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי אוּן עֶר בַּאהֶעפְט זֵיי צוּזַאמֶען, עַיֵּין שָׁם.

וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אַ וַוייבּ וָואס טְרַאכְט פוּנְקְט פַארְקֶערְט, זִי רֶעדְט נִישְׁט צוּ דֶער זַאךְ אוּן זִי אִיז מַמָּשׁ פַארְקֶערְט פוּנֶעם מַאן - וֶוערְט מֶען אַ הִימְל

מֶענְטְשׁ. מוֹהֲרַ"ש זָאגְט, בַּיי דִי וֶועלְט בַּאטִיטְלְט מֶען יֶעדְן בַּטְלָן מִיט דִי טִיטְל 'אַ הִימְל מֶענְטְשׁ', אָבֶּער וֶוער אִיז טַאקֶע אַ הִימְל מֶענְטְשׁ? זָאגְט מוֹהֲרַ"ש, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה יב.) דִי הִימְל הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם נָאמֶען 'שָׁמַיִם' וַוייל עֶס אִיז אוֹיסְגֶעמִישְׁט פוּן אֵשׁ וּמַיִם, פֵייעֶר אוּן וַואסֶער; דִי הִימְל אִיז פוּן צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן, וַואסֶער לֶעשְׁט פֵייעֶר, אוּן פֵייעֶר טְרִיקֶנְט אוֹיס וַואסֶער, דָאךְ זֶענֶען זֵיי בְּשָׁלוֹם לַעֲשׂוֹת רְצוֹן קוֹנָם, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אֵיינֶער אִיז וַואסֶער אוּן אֵיינֶער אִיז פֵייעֶר, מַמָּשׁ צְוֵויי פַארְקֶערְטֶער נַאטוּרְן - דֶער אִיז אַ הִימְל מֶענְטְשׁ.

צוּ דֶעם קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין אוֹיבּ מֶען נֶעמְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ, מֶען חַזֶר'ט אֱמוּנָה, אַז 'אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער', מֶען אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט קֶען מֶען לֶעבְּן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ פַארְקֶערְטֶע מֶענְטְשְׁן, וַוייל אִינֶעוֵוייניג לַאכְט מֶען זִיךְ גוּט אוֹיס. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרַ"ש טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים ב, ד): "יוֹשֵׁב בַּשָּׁמַיִם יִשְׂחָק", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז בָּטֵל צוּם 'יוֹשֵׁב בַּשָּׁמַיִם', דֶעמָאלְט 'יִשְׂחָק', קֶען עֶר זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, וַוייל 'אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט - קֶענְסְטוּ מִיר גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען, קֶענְסְט מִיר גָארְנִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, וַוייל אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט, אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם זִיסְן בַּאשֶׁעפֶער'.

טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, מִיר פְלֶעגְן זִיצְן בַּיי מוֹהֲרַ"ש אוּן שְׁפִּירְן וִוי מִיר זִיצְן אִין גַן עֵדֶן. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי אִיר וֶועט פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי מֶען קֶען שְׁרַייבְּן הֶרְגֵּשִׁים, אָבֶּער אַזוֹי פְלֶעגְן מִיר שְׁפִּירְן בַּיי אַ שִׁיעוּר, מִיר פְלֶעגְן טְרַאכְטְן 'הַלְוַאי עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט דִי שִׁיעוּר', מוֹהֲרַ"ש פְלֶעגְט אוּנְז אָנְשְׁטָאפְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן מִיט זַיין בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא. מוֹהֲרַ"ש זָאגְט, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אַלֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ, אַלֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים - אִיז נָאר צוּ צֶעבְּרֶעכְן זַיין חוֹמֶר, דִי גַּאֲוָה, אוּן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען מֶען אִיז גוּט צֶעבְּרָאכְן, מֶען הָאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָ׳ נז, טו): "אֶשְׁכּוֹן וְאֶת דַּכָּא", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט בַּיי ווער עֶס הַאלְט זִיךְ גָארְנִישְׁט.

מִיר ווֶעלְן אַלֶע אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם אוֹיבּ מִיר ווֶעלְן פָאלְגְן; אַז מִיר ווֶעלְן גֵיין יֶעדְן טָאג רֶעדְן אַבִּיסְל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר ווֶעלְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); ווֶעלְן מִיר צוּקוּמֶען צוּ דֶעם.

אִיךְ ווִיל עֶנְק שְׁרַייבְּן נָאךְ אַפָּאר ווִיכְטִיגֶע נְקוּדוֹת, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַזוֹי טָרוּד אִיךְ מוּז מְקַצֵר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי קִינְדֶער זָאלְן זֶען ווער עֶס אִיז חָשׁוּב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, י"ט שׁוֹבָבִי"ם, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ סְפְּרִינְג וַואלִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ ווֶעל נִישְׁט קֶענֶען אַנְטֵייל נֶעמֶען בַּיים מַעֲמַד קְבִיעַת מְזוּזָה, זוּנְטָאג נַאכְט אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, מַיין מְחוּתָּן דֶער מְנַהֵל ר׳ מָרְדְּכַי נֵרוֹ יָאִיר מַאכְט חֲתוּנָה.

אַזוֹי ווִי דֶער דַיָּין ר׳ יוֹנָה שְׁלִיטָ"א קוּמְט צוּ עֶנְק זוּנְטָאג גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פַאר דִי אַבְרֵכִים אִין הִלְכוֹת טָהֳרָה, זָאלְסְטוּ אִים מְכַבֵּד זַיין מִיטְן קְלַאפְּן דִי מְזוּזָה, אוּן אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי טִירְן זָאלְסְטוּ אוֹיךְ מְכַבֵּד זַיין דֶעם מַגִיד שִׁיעוּר הָרַב ר׳ הֶערְשְׁל נֵרוֹ יָאִיר מִיט קְבִיעַת מְזוּזָה; זָאלְן דִי קִינְדֶער זֶען וָואס אִיז חָשׁוּב, חָשׁוּב אִיז אַ דַיָּין, חָשׁוּב אִיז אַ תַּלְמִיד חָכָם, חָשׁוּב אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; אַזוֹי ווֶעלְן דִי קִינְדֶער שְׁטְרֶעבְּן צוּ זַיין גוּטֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַז אֵיינֶער ווינְקְט מִיט דִי אוֹיגְן, מַאכְט מֶען זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"א שׁוֹבָבִי"ם, ז' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג
לִפְרָט קָטָן
מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיבּ דָאס פַּאסִירְט נָאכְאַמָאל, אַז דֶער מְשׁוּגֶע'נֶער שְׁמֵייכְלְט צוּ אַייךְ, זָאלְט אִיר אִים אִיגְנָארִירְן, מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג.

וֶוען אִיר גֵייט אִין גַאס אוּן אַ פְּרֶעמְדֶער מַאן שְׁמֵייכְלְט צוּ אַייךְ - זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן. מֶען שְׁרֵייט נָאר אוֹיבּ מֶען אִיז אִין אַ סַכָּנָה, אָבֶּער אַז אֵיינֶער ווִינְקְט מִיט דִי אוֹיגְן - מַאכְט מֶען זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג, אוּן אַז אִיר זֶעט שׁוֹין פוּן דֶערְוַוייטְנְס אַז עֶפֶּעס אַ נִישְׁט גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט - זָאלְט אִיר אַרָאפְּקוּקְן אוֹיף דֶער עֶרְד, וֶועט אִיר נִישְׁט הָאבְּן מִיט קֵיינֶעם צוּטוּן.

קוּקְט אַרַיין אִין צֶעטְל קָטָן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן ר' אֱלִימֶלֶךְ מִלִּיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, (אוֹת ח), נִישְׁט אַיינְטֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע וָואס צוּ טוּן אוּן וָואס צוּ מַאכְן; אַזוֹי וֶועט אִיר נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, זֵיי נִישְׁט אַיינְטֵיילְן אוּן זֵיי מוּסָר'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ מַאכְן דִי פְרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"א שׁוֹבָבִי"ם, ז' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג
מָרַת ... תִּחְיֶ', מָאנְסִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וָואס אִיר טוּט, אַז אִיר מַאכְט בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם. אִיר הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס פַאר אַ זְכוּת דָאס אִיז; דִי פְרוֹיעֶן גֵייעֶן אַהֵיים מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת, פְרִישֶׁע לוּפְט צוּ

אָטֶעמֶען; מֶען פִילְט זִיךְ אָן מִיט אֱמוּנָה, מִיט חִיזוּק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי קִינְדֶער, מַאן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיר קֶענְט אוֹיפְשְׁפִּילְן בַּיי דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם זַאכְן פוּן בֵּית פֵּיגֶא אָדֶער פוּן יְשִׁיבָה, דָאס אִיז נִישְׁט אִין דִי גֶדֶר פוּן נִישְׁט קוּקְן ווִידִיאָ"ס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְּרֵיילִיךְ, וֶועלְן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אַוֶועק גֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"ב שׁוֹבָבִי"ם, ח׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וַוארְף אַוֶועק דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד; אַז דוּ גְלֵייבְּסְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דוּ בִּיסְט אָנְגֶעפִילְט מִיט מִצְוֹת. אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ גֶעזוּנְט וֶוערְן, אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וֶועלְן אַוֶועק גֵיין.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", מֶען דַארְף אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אוּן אַלֶע מַחְלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אַלֶעס קוּמְט פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הִוא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹרִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גֶעבּ אַכְטוּנְג זִיךְ צוּ פִירְן בִּצְנִיעוּת מִיט דַיינֶע טֶעכְטֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ״ב שׁוֹבָבִי״ם, ח׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג
לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דַיין וַוייבּ זָאגְט מִיר נָאכְאַמָאל אַז דוּ נֶעמְסְט דַיינֶע טֶעכְטֶער אִין דַיין בֶּעט, דוּ נֶעמְסְט זֵיי אוֹיף דִיר וְכוּ׳; וְוִיל אִיךְ דִיר נָאכְאַמָאל זָאגְן, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גֶעזוּנְטֶע זַאךְ - נִישְׁט פַאר דִיר אוּן נִישְׁט פַאר זֵיי, אוּן דָאס קֶען זַיין פַאר דִיר אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה.

דַיין וַוייבּ וֵויינְט צוּ מִיר אַז זִי פְּרוּבִּירְט מִיט אִיר חָכְמַת נָשִׁים צוּ אַוֶועקְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין וֶוען זִי הֶערְט וִוי דוּ רוּפְסְט זֵיי אִין דַיין בֶּעט, זִי מַאכְט זֵיי פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, אָבֶּער נִישְׁט אַלֶעמָאל הֶעלְפְט דָאס. זִי אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט אִיךְ וֶועל דִיר נָאכְאַמָאל שְׁרַייבְּן אוּן דֶערְמַאנֶען אַז עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער פַאר דִיר אוּן פַאר זֵיי.

פָּאלְג, אַז נִישְׁט וֶועט זַיין גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת.

...

**מַיין נָאמֶען זָאל נִישְׁט שְׁטֵיין אוֹיף אַ שׁוּל וואוּ עֶס אִיז דָא לֵיצָנוּת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ״ב שׁוֹבָבִי״ם, ח׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג
לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אֵיינֶער פוּן דִי מִתְפַּלְּלִים שְׁרַייבְּט מִיר אַז עֶס אִיז דָא לֵיצָנוּת בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, אִיז דָאס וָואר? בִּיטֶע זֵיי מִיר מְבָרֵר אוֹיבּ דָאס אִיז רִיכְטִיג, וַוייל אִיךְ וְוִיל נִישְׁט עֶס זָאל שְׁטֵיין מַיין נָאמֶען אוֹיף אַ שׁוּל וואוּ עֶס אִיז דָא לֵיצָנוּת.

...

**מִיט תְּפִלָּה אוּן סַבְלָנוּת קוּמְט מֶען אָן צוּ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"ב שׁוֹבְבִי"ם, ח' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶעסְטוּ שׁוֹין אַלֵיינְס אַז מִיט תְּפִלָּה אוּן סַבְלָנוּת קוּמְט מֶען אָן; וְוי מֶער סַבְלָנוּת מֶען הָאט אִין לֶעבְּן, וּבִפְרַט אִין שְׁטוּבּ צוּ דִי וַוייבּ, אוּן וְוי מֶער מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּתַחֲנוּנִים אַז דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אֵיידְל - זֶעט מֶען בַּיים סוֹף גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט תְּפִלָּה אוּן קוּק גוּט אוֹיף דַיין וַוייבּ. דוּ הָאסְט אַ טַייעֶרֶע וַוייבּ, זִי אִיז בֶּאֱמֶת אַ גוּטֶע נְשָׁמָה. דוּ קוּק אוֹיף אִיר פְּנִימִיּוּת, אוּן בֶּעט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אוֹיךְ אִיר אוֹיסְנְוֶוייניג זָאל זַיין אֵיידְל אוּן הֵיילִיג.

אִיךְ קֶען דִיר דֶערְצֵיילְן אָן אַ שִׁיעוּר מַעֲשִׂיּוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ בֵּייגֶעוואוֹינְט אִין דִי קָרוֹב צוּ צְוָואנְצִיג יָאר וָואס אִיךְ גֶעפִינְן זִיךְ אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וְוי מִיט תְּפִלָּה אוּן סַבְלָנוּת הָאט דִי וַוייבּ בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל אִין צְנִיעוּת.

רַק חֲזַק!

...

**נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן יֶעדְן פְּרָאבְּלֶעם בַּיי אַ קִינְד**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"ב שׁוֹבְבִי"ם, ח' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דַיין טָאכְטֶער וָואס רֶעדְט כִּמְעַט גָארְנִישְׁט, זִי אִיז זֵייעֶר צוּרִיקְגֶעצוֹיגְן; בּוֹי אִיר אוֹיף, גֶעבּ אִיר אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַזוֹי וֶועט זִי זִיךְ עֶפֶענֶען.

מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן איר נִישְׁט רֶעדְן, פְרֶעג אִיר נִישְׁט טוֹיזְנְט מָאל: "פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ נִישְׁט?" אַזוֹי וֶועט זִי זִיךְ צוּבִּיסְלִיךְ עֶפֶענֶען.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען אַסַאךְ פֶּעלֶער ווי פְּרָאבְּלֶעמֶען בַּיי קִינְדֶער זֶענֶען פַארְשְׁווּנְדְן גֶעוָוארְן וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם. מִיר הָאבְּן אִין אוּנְזֶער מוֹסָד אַ קִינְד וָואס עֶפְנְט נִישְׁט דִי מוֹיל שׁוֹין פוּן אָנְהוֹיבּ יָאר, דִי לֶערֶערִינְס פְרֶעגְן מִיר כְּסֵדֶר: "וָואס טוּט מֶען מִיט דִי מֵיידְל וָואס עֶפְנְט נִישְׁט דִי מוֹיל, זִי זָאגְט מַמָּשׁ נִישְׁט אַרוֹיס אַ וָוארְט פוּן מוֹיל?" אִיךְ בִּין זֵיי מְחַזֵּק זֵיי זָאלְן נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם, זִיךְ נִישְׁט פַארְלֵייגְן אוֹיפְן קִינְד אַז זִי זָאל דַוְקָא יָא רֶעדְן. אִיךְ אַלֵיינְס בִּין גֶעוֶועזְן אִין סְקוּל בַּיי דִי כִּתָּה, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט מִיט חָכְמָה אִיר צוּ פְרֶעגְן פְרַאגֶעס, אָבֶּער דִי מֵיידְל בְּלַייבְּט שְׁטִיל, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי אַרוּם גֶעדְרֵיידְט אַז עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְזֶען ווי זִי עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט.

יֶעצְט שְׁרַייבְּט מִיר אֵיינֶע פוּן דִי מַאמֶעס, זִי קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג אָפְּוואוּנְדֶערְן פוּן דִי סַבְלָנוּת פוּן דִי טִיטְשֶׁערְס, זִי דֶערְצֵיילְט אִינֶעם בְּרִיוו אַז איר טָאכְטֶער שְׁמוּעֶסְט שׁוֹין אִיבֶּער אַ שָׁעָה מִיט דִי קִינְד אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, אוֹיךְ אִיז אִיר טָאכְטֶער אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מֵיידְל'ס שְׁטוּבּ אוּן זֵיי רֶעדְן אוּן לַאכְן כְּאִילוּ לֹא הָיָ'; דָאס אִיז נָאר דִי סַבְלָנוּת פוּן דִי אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע לֶערֶערִינְס פוּן בֵּית פֵיגָא וָואס אַרְבֶּעטְן מִיט אַזַא מְסִירוּת נֶפֶשׁ. אִין קְלַאס רֶעדְט זִי נָאכְנִישְׁט, אָבֶּער נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט זִי שׁוֹין רֶעדְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה אוּן סַבְלָנוּת וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

...

### פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי דִיר?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ״ג שׁוֹבְבִי״ם, ט׳ שבט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פַארְוָואס לָאזְטוּ זִיךְ אַזוֹי נָאךְ? פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי דִיר?! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר; אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז דָאךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז עֶס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז דָאס זִיכֶער גוּט; אִיז פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי נָאכְלָאזְן?!

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת. גֵיי אִין אַ וִוינְקְל אוּן זָאג אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, בֶּעט אִים עֶר זָאל אוֹיף דִיר רַחְמָנוּת הָאבְּן, עֶר זָאל דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער אוּן דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, בֶּעט אִים עֶר זָאל אָנְנֶעמֶען דַיין תְּשׁוּבָה.

אִיךְ זִיץ מִיט דִי בָּחוּרִים אַזוֹי ווי אַלֶע יָארְן, פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז אוֹיף דֶער נַאכְט. בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס זֶענֶען דָא פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים, זֵייעֶר פֵיינֶע בָּחוּרִים. אִיךְ פְּרוּבִיר עוֹסֵק זַיין אִין שִׁידוּכִים, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן, אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶס מוּז זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיים שִׁיעוּר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ״ג שׁוֹבְבִי״ם, ט׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבַּאי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּלוּמִינְגְרָאוו**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאב נִישְׁט מוֹרָא צוּ זָאגְן פַאר דִי צְוֵויי וָואס זֶעצְן זִיךְ אוֹיבְן אָן בַּיים לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אוּן שְׁמוּעֶסְן - אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען, עֶס מוּז זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ בִּשְׁעַתְ'ן שִׁיעוּר - זָאלְסְטוּ בִּכְלַל נִישְׁט מַאכְן דֶעם לַייְוו הוּק-אָפּ, אוּן אַז דִי צְוֵויי רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן בַּיים שִׁיעוּר - זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן נִישְׁט צוּ קוּמֶען; הוֹיבּ אָן מִיט שֵׁיינֶעם, זָאג זֵיי אַז דָאס שְׁטֶערְט, מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן בַּיים שִׁיעוּר.

זֵיי שְׁטַארְק מִיטְן מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, מִיט לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן מִתְפַּלֵל אוּן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שׁוּל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ קוּם מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"ג שׁוֹבְבִי"ם, ט' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט מִיךְ זֵייעֶר דֶערְפְרֵיידְט; הָאסְט מִיךְ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט מִיטְן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן וֶוען מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ מַיינֶע עֶלְטֶערְן.

זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט "יְיַשֶׁר כֹּחַ" פָארִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת אִין מִירוֹן פַאר מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א. מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אִיז יֶעצְט אִין מִירוֹן, עֶר פָארְט אַלֶע יָארְן קַיין מִירוֹן פַאר דִי דְרֵיי וָואכְן, פַּרְשַׁת בֹּא, בְּשַׁלַּח אוּן יִתְרוֹ, אַזוֹי וִוי מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן; זִיצְן בַּיים הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן, עוֹסֵק זַיין אִין תְּשׁוּבָה אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

אִיךְ קוּם מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי הָאבְּן אַלֶעס אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר מִיר אוּן פַאר עֶנְק.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם סֵפֶר שְׂפָתַי תִּפְתָּח וְכוּ'; וֶוען אִיךְ הָאבּ אַפָּאר מִינוּט וָואס אִיךְ דַארְף נִישְׁט זַיין מִיט דִי בָּחוּרִים - שְׁרַייבּ אִיךְ נָאךְ אַפָּאר שׁוּרוֹת; אִיךְ הָאף צוּ עֶנְדִיגְן יֶעצְט דִי דְרִיטֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## װֶוער זָאל גֵיין שְׁלָאפְן בַּיי דִי בַּאבֶּע?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ״ג שׁוֹבָבִי״ם, ט׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג

לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיװ.

בְּנוֹגֵעַ שְׁלָאפְן בַּיי אַייעֶר מַאמֶע; דָאס בֶּעסְטֶע אִיז מֶען זָאל אַיינְטֵיילְן צְװִישְׁן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ, דִי גְרוֹיסֶע מֵיידְלֶעךְ זָאלְן גֵיין שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט מִיט אַייעֶר מַאמֶע. עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי אִיר זָאלְט גֵיין שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט אוּן אִיבֶּערְלָאזְן אַייעֶר מַאן אוּן דִי קִינְדֶער; עֶס אִיז זֵייעֶר שֵׁיין פוּן אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר אַז עֶר זָאגְט אַייךְ דָאס צוּ טוּן, אִיר זָאלְט גֵיין שְׁלָאפְן מִיט אַייעֶר מַאמֶע, כְּדֵי זִי זָאל נִישְׁט זַיין דֶערְשְׁרָאקְן וְכוּ׳, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט תּוֹרָה׳דִיג.

אָדֶער זָאלְן קִינְדֶער גֵיין שְׁלָאפְן בַּיי דִי בַּאבֶּע, אָדֶער קֶענְט אִיר אַרַיינְנֶעמֶען אַייעֶר מַאמֶע צוּ אַייךְ אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֶעלְף דַיינֶע עֶלְטֶערְן גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה אָן קַיין חוֹבוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ״ג שׁוֹבָבִי״ם, ט׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג

לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

מַזָּל טוֹב חָתָן, מַזָּל טוֹב! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת, אָמֵן.

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט הֶעלְפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה אָן קַיין חוֹבוֹת, פוּן הַיינְט אוּן ווַייטֶער זָאלְסְטוּ גֵיין אַבִּיסְל מֶער הֲפָצָה צוּ הֶעלְפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן דִיךְ חֲתוּנָה מַאכְן. וֶוען דוּ גֵייסְט הֲפָצָה זָאלְסְטוּ זָאגְן "הַכְנָסַת כַּלָּה" אוּן דִי גֶעלְט זָאלְסְטוּ גֶעבְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן. אִין יְשִׁיבָה טוּעֶן אַלֶע בָּחוּרִים אַזוֹי, זֵיי גֵייעֶן צוּ דִי חֲתוּנָה אָן דֶעם וָואס זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן דַארְפְן אַרַיינְלֵייגְן דִי הֶענְט אִין טַאשׁ אַרוֹיסְנֶעמֶען אֲפִילוּ אֵיין פְּרוּטָה, (אוֹיסֶער דִי חֲתַנִים וָואס דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען פַארְמֶעגְלִיךְ).

יֶעצְט זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. יֶעצְט הָאסְטוּ שׁוֹין אַבִּיסְל רוּאִיגְקֵייט, הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ כַּלָּה נָאָה וַחֲסִידָה, אוּן דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין אַ חָשׁוּבְ'עֶ שְׁטוּב, דַיין מְחוּתָּן אִיז זֵייעֶר אַ טֵייעֶרֶער אִיד, עֶר אִיז זֵייעֶר מְחַזֵק דִי אִינְגֶעלַייט אִין טְבֶרְיָ', דַארְפְסְטוּ יֶעצְט זִיךְ בַּאנֵייעֶן; לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג.

לָאז גְרוּסְן אַלֶעמֶען, בִּפְרַט דִי בָּחוּרִים פוּן דִי יְרוּשָׁלַיִמ'עֶר יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אַז דוּ הָאסְט הֲנָאָה פוּן דִי מְלַמְדוּת, וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"ג שׁוֹבְבִי"ם, ט' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בַּתַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט הֲנָאָה צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, ווַייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין; אוֹיבּ דִי קָאפּ לִיגְט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ אוּן מֶען קוּמְט צוּ דִי קִינְדֶער אַבִּי גֶעזוּנְט, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד - אִיז נִישְׁטָא קַיין הַצְלָחָה אוּן דָאס אִיז גְנֵיבָה וּגְזֵילָה. אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעדַארְפְט פַארְשִׁיקְן אַ מְלַמֵּד בַּיי אוּנְז וָואס זַיין קָאפּ אוּן מֹחַ אִיז גֶעוֶוען קוֹיפְן אוּן פַארְקוֹיפְן, אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען דִי צְווֵייטֶע פְּרִיאָרִיטֶעט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לֵייג זִיךְ אַרֵיין אִינְגַאנְצְן פַאר דִי קִינְדֶער, דֶעמָאלְט וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער דִי אַרְבֶּעט. אוֹיךְ דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ, וַוייל דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן גְלַייךְ אוֹיבּ זֵייעֶר רֶבִּי אִיז מִיט זֵיי בְּגוּף וָנֶפֶשׁ, אָדֶער עֶר אִיז נָאר דָארְט בְּגוּף אָן קַיין נְשָׁמָה. קִינְדֶער ווילְן נִישְׁט זַיין חוּצְפָּה'דִיג, קִינְדֶער פְּרוּבִּירְן אוֹיס זֵייעֶר מַזָל, אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַז דֶער רֶבִּי אִיז עֶרְנְסְט מִיט דִי אַרְבֶּעט, דֶער מְלַמֵד אִיז אִינְגַאנְצְן מִיט זֵיי – וֶוערְן זֵיי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים אוּן דִי אַרְבֶּעט גֵייט גְרִינְג אוּן גֶעשְׁמַאק.

שְׁרַייבּ מִיר יֶעדְן טָאג עֶפֶּעס אַ נְקוּדָה פוּן חֵדֶר, אִיךְ וִויל וִויסְן יֶעדֶע פִּינְטְל אוּן יֶעדֶע הָאר פוּן חֵדֶר; דִי חֵדֶר אִיז מִיר דָאס טַייעֶרְסְטֶע אוּן וִויכְטִיגְסְטֶע פוּן אַלֶעס אִינֶעם מוֹסָד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

פְלוּצְלוּנְג שְׁפַּאלְט זִיךְ דֶער יַם אוּן אַלֶעס וֶוערְט מְסוּדָר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בשלח, כ"ה שׁוֹבבִי"ם, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן. אַזוֹי וִוי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים יַם אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן פוּן וואוּ עֶס וֶועט קוּמֶען דִי יְשׁוּעָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם, אַזוֹי אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם יֶעדְן טָאג; מֶען זָארְגְט זִיךְ מִיט אַזוֹיפִיל זָארְג: 'פוּן וואוּ וֶועט קוּמֶען מַיין הִילְף? וֶוען וֶועט קוּמֶען דִי יְשׁוּעָה אוּן וִוי אַזוֹי?' אוּן פְלוּצְלוּנְג שְׁפַּאלְט זִיךְ דֶער יַם אוּן אַלֶעס וֶוערְט מְסוּדָר.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז עֶס וֶוערְט אַ פְרִישֶׁע דַאֲגָה אוּן מֶען פַארְגֶעסְט אַז נֶעכְטְן אוּן אֵייעֶר נֶעכְטְן אוּן אַייעֶר אַייעֶר נֶעכְטְן הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעזָארְגְט אוּן גֶעמֵיינְט אַז עֶס אִיז עֶק וֶועלְט אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן, אִיז

וָואס זָארְגְסְטוּ מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן?

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר. אוֹיךְ וֶועט מֶען קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דִי שִׁיעוּר אִין שְׁטֶעטְל, מָאנְסִי, מָאנְרָא, לֶעיקְוָואד, קַאנַאדֶע; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ קוּמֶען כָאטְשִׁיג דִי אֵיינְמָאל אַ וָואךְ זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיטְן רֶבִּינְ׳ס שֵׂכֶל אוּן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פֵּאר קִינְדֶער

## דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן אַ מַאמֶע

פְלוּצְלוּנְג הֶערְט מֶען שְׁרֵייעֶן קוֹלוֹת, אֵיינֶער שְׁרֵייט מִיט אַ וֵויינֶעדִיגֶע שְׁטִימֶע: ״אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען? אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען? אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען?!״

וֶוער וֵויינְט דָארְט? וֶוער שְׁרֵייט דָארְט? וָואס גֵייט דָארְט פָּאר?!

קִינְדֶער הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ אַ הֵיילִיגֶע גֶעשִׁיכְטֶע פוּנֶעם צַדִיק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. גֶעוֶוען אִיז דָארְט אַמָאל זַיין טָאכְטֶער מִיט אִיר קְלֵיין קִינְד, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק זֶעט וִוי זַיינְס אַן אֵיינִיקְל אַ קְלֵיינֶע בֶּעבִּי׳לֶע פַּאטְשְׁט דִי מַאמֶע, אַזוֹי וִוי קְלֵיינֶע קִינְדֶער טוּעֶן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן: ״אַ מַאמֶע

שְׁלָאגְט מֶען? אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען? אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען?!" דֶער צַדִיק הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע.

דָארְט אִיז גֶעוֶוען דִי צַדֶיקֶת מִירִישׁ, דִי מַאמֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ, רוּפְט זִי זִיךְ אָן: "מֵילֶעךְ, וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ קְלֵיינֶע בֶּעבִּי הָאסְטוּ מִיךְ אוֹיךְ גֶעפַּאטְשְׁט..." וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר שִׁיעוּר נִישְׁט גֶע׳חַלֶשְׁ׳ט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען: "אִיךְ הָאבּ גֶעפַּאטְשְׁט מַאמִי!" עֶר אִיז שְׁנֶעל גֶעלָאפְן צוּם פֵייעֶר, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט אִין פֵייעֶר אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף דִי עֲבֵירָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפַּאטְשְׁט מַיין מַאמֶע, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען קְלֵיין אָן קַיין שֵׂכֶל, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווִיסְט וָואס אִיךְ טוּ"; אַזוֹי אִיז עֶר גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן.

קִינְדֶער, מִיר וֶועלְן זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן דָא אִינְמִיטְן דִי מַעֲשֶׂה, מִיר וֶועלְן דֶערְצֵיילְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וַוייטֶער דִי מַעֲשֶׂה.




"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל!"

קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה?

מִיר לֶערְנֶען זִיךְ דָאס הֵיילִיגְקֵייט פוּן אַ מַאמֶע, וִוי שְׁטַארְק מִיר דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע, חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אַ מַאמֶע.

אוֹיךְ לֶערְנֶען מִיר זִיךְ דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִיקִים וָואס זֵיי טוּעֶן תְּשׁוּבָה אוֹיף עֲבֵירוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶועןאַזוֹי קְלֵיין אָן קַיין שֵׂכֶל.

מִיר בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְבְּרֶענֶען דִי הֶענְט, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן נִישְׁט טוּן קַיין סִיגוּפִים, מִיר מַאכְן נִישְׁט וָואס דִי צַדִיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת מַאכְן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ נֵייעֶ וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט מִיר זָאלְן דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן, מִיר זָאלְן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אוּנְז מוֹחֵל זַיין.

לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: ״חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ וַעֲוֹנִי לֹא כִסִּיתִי, חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ וַעֲוֹנִי לֹא כִסִּיתִי, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַה׳, וְאַתָּה נָשָׂאתָ, עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַה׳, וְאַתָּה נָשָׂאתָ, עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה, פַארְגֶעבּ מִיר מַיין זִינְד, אִיךְ בִּין דָאךְ דַיין קִינְד, אִיךְ וִויל זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּ דִיר, עֶפְן מִיר אוֹיף דַיין טִיר, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְקְרָאכְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְרָאכְן, בַּאגְלֵייט מִיר אוֹיף יֶעדֶע טְרִיט, אִיךְ גֵיי שׁוֹין פוּן הַיינְט זַיין גוּט״.